Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 8 | Łódź, Poniedziałek, 9 stycznia 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, י"א טבת תרצ"ג | № 8 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# העצע-אויסשטעלונג געגען פוילען

## אין די אויסשטעלונג פון מזרח-פרייסען אין בערלין

בערלין, 8. (ספּ. טעל.) אין בערלין האָט זיך היינט געעפענט די אויסשטעלונג פון מזרח-פרייסען, וואָס איז אויסגערעכענט אויף צו דעמאָנסטרירען געגען פוילען.

די דערעפענונגס-רעדע האָט געהאַלטען דער דייטשער אינערן-מיניסטער, בראַכט, וועלכער האָט צ. אַ. געזאָגט, אַז די אויסשטעלונג איז אַ מאַניפעסטאַציע פון דייטשלאַנד, וועלכע וועט קיינמאָל נישט מסכים זיין אויף די איצטיגע גרענעצען, וואָס זענען בעשטימט געוואָרען לויט'ן ווערסאַילער טראַקטאַט.

## א סקאנדאל אין דער ווארשאווער קהלה-פערוואלטונג

וואַרשאַ, 8. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָררעספּאָנדענט) אין דער וואַרשאַווער קהלה-פערוואַלטונג איז היינט ווידער געקומען צו אַ גרויסען סקאַנדאַל אין שייכות דערמיט, וואָס דער פרעזעס מאַזור וויל אַנגאַזשירען אַלס לייטער פון דער ווירטשאַפטס-אָפּטיילונג דעם סאָכאַטשאָווער רבינ'ס אַן אייניקעל.

די ציוניסטען האָבען געשריגען, אַז אויב דער פרעזעס מאַזור וויל פערזאָרגען „אַן אייניקעל מיט קעסט", טאָ זאָל ער איהם אריינגעהמען צו זיך אין געשעפט אריין....

דער פרעזעס מאַזור האָט ווידער געקלאַפּט אין טיש, אַז מ'איז פוגע בכבוד דעם רבי'ן. הכלל, עס איז געווען לעבעדיג.

## פרעמיער פריסטאר צוריקגעקומען פון דרוזגעניק

וואַרשאַ, 8 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָררעספּאָנדענט) היינט 5 בייטאָג איז צוריקגעקומען פון דרוזגעניק דער פרעמיער פריסטאָר און מאָנטאָג טרעט ער צוריק צו צו זיין אמט.

זאל פילהארמאניע

נארוטאוויטשא 20

מארגען, דינסטאג, דעם 10 יאנואר 1933, 9 א זייגער אווענד

גרויסער דיסקוסיע-אווענד איבער'ן פאמיליען-לעבען

א. ג.

דער צווישן מאן און פרוי

ווער איז גערעכט?

עס וועלען רעפערירען די בעריהמטע יודישע שריפטשטעלער:

יואל מאסטבוים
אהרן ציטלין

מלך ראוויטש
רעד. שאול וואגמאן

טעזעס:

1) דער ריטער, דער הערשער און דער דאָן-זשואַן; 2) די „פרייע ליבע" פון דער פּרינצעסין און די ליבע פון דער איינפאַכער פרוי; 3) ווי זעהט אויס די פאַמיליע היינט און ווי אַזוי איז דער וואונש, אַז זי זאָל אויסזעהען? 4) וואָס זאָגט דער דאָקטער צו די היינטיגע פערהעלטנישען צווישען מאַן און פרוי? אויף דער גרענעץ פון געשלעכטס-פּראָבלעם און סאָציאַלען פּראָבלעם. — די בעוועגונג פאַר געשלעכטס-רעפאָרם אין איירופּע און אַמעריקע. — פרוי, געזעלשאַפט און קומענדיגער וועלט-קריג. — פרויען-פראַגע, יודען-פראַגע, אַרבייטער-פראַגע. — פאַר און נעגען די מאָדערנע טענדענצען פון פאַמיליען-לעבען. — די אייביגע צוויי און זייער בונקשאַפט צום דריטען. — די סעקונדאַנטען פון דעם דועל און די דועלאַנטען; 5) עמאַנסיפּאַציע; 6) צי איז מעגליך אַ אמת'ע פערשטענדיגונג צווישען מאַן און פרוי? שלום-האַרט.

אין דער גרויסער דיסקוסיע
וועט אויך קאָנען נעמען א ווארט
יעדער איינער פון עולם

בילעטען שוין צו בעקומען ביי דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

אכטונג

גלויביגע פון ה' דאווידאוויטש, ווסכאדניא 4.

דערמיט פאָדערן מיר אויף אַלע גלויביגע פון ה' דאַווידאַוויטש, אַז זיי זאָלען קומען דינסטאַג דעם 10 יאַנואַר 1933, פּינקטליך 7 אַ זייגער אָווענד אין זייערע אייגענע אינטערעסען, כדי אַגינוס־המען געמיינזאַמע שריט. מיט אכטונג

א גרופּע גלויביגע.

88

פאר גאלד, ביזשוטעריע
און לאמבארד-קוויטעס
צאָהלט די העכסטע פרייזען
אליזאר פיאלקא, פּעטריקאָווער 7

צו דער חתונה פון

דיר. י. רעדלוס
מיט פרל. נינא פעטער

ווינשט פיל גליק און אַ גוט צוזאַמענלעבען

דער בוכבינדער-צעך ביים צענטראַלען יודישען האַנדווערקער - פעראיין אין לאָדז.

צו דער חתונה פון אונזער פריינד

דיר. י. רעדלוס
מיט פרל. נינא פעטער

ווינשען מיר פיל גליק
ה. ז. בערקאָן פּ. סערש. און ר. שמייער.

כשר — היגיעניש

„Bar Rogożyka"

11 זשעלאַנאַ 11, טעל. 17-189

זאָגט אָן אַ בשורה טובה

אַלע לאָדזער רעסטאָראַן-בעזוכער!

צוליב דער גרויסער פרעקווענץ פון די ג' בעזוכער אין אונזער ערשטקלאַסיגען רעסטאָראַן, האָבען מיר בעשלאָסען פון היינט אָן ווייטער צו פערקלענערן די פרייזן און ענטהאלטן די געשמאַקהאַפטע

מיטאָגען פון 4 שפּייזען 80 גר.
" 5 שפּייזען 1.25 זל.
" מיט געפילטע 1.50 זל.
" מיט פיש 2 זל.

אַ פּאָרציע 50 גר. זופּען 30 גר. סאָלידע בעדינונג!

„BAR ROGOŻYKA" מיט אכטונג

זשעלאַנאַ 11, טעל. 14-189

כשר — היגיעניש

